**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אפליקאציעס זענען יעצט עוועילעבל פאר סייבער זיכערהייט גרענטס פאר לאקאלע רעגירונגען**

***13.9 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור גרענט פינאנצירונג עוועילעבל צו פארשאפן מולטי-פאקטאר אוטענטיפיצירונג טאוקענס אין נאמען פון לאקאלע מיטארבעטער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די ארויסקום פון די קאמבינירטע פיסקאלע יאר 2022 און פיסקאלע יאר 2023 סטעיט און לאקאלע סייבער זיכערהייט גרענט פראגראם (State and Local Cybersecurity Grant Program, SLCGP) פארלאנג פאר אפליקאציעס (Request for Applications, RFA) פאר בארעכטיגטע ניו יארק ענטיטיס צו איינשרייבן פאר מולטי-פאקטאר אוטענטיפיצירונג טאוקענס. די RFA איז אנטוויקלט געווארן צו העלפן פארמינערן סייבער ריזיקע און בויען סייבער שטאנדהאפטיגקייט אין לאקאלע רעגירונגען איבערן סטעיט.

"פון אונזער באנק קאנטעס און סאושעל מידיע צו די קריטישע אינפראסטרוקור אונז פארלאזן זיך אויף אלץ א סטעיט, יעדער טייל פון טעגליכע לעבן פארלאזט זיך אויף א ברייטע נעטווארק פון סייבערזיכערהייט סיסטעמען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך טוה אינוועסטירן אין מאדערנע סייבער זיכערהייט אינפראסטרוקטור און געצייג אזוי אז ניו יארק בלייבט פאראויס פון ארויסקומעדיגע דראונגען און צו פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער שפירט זיך פארזיכערט אין די סיסטעמען זיי רעכענען זיך אויף."

דורך די באנוץ פון מער פון 13.9 מיליאן דאלאר אין עוועליבל געלטער דורך די פעדעראלע סטעיט און לאקאלע סייבער זיכערהייט גרענט פראגראם, די גרענט פראגראם וועט פארבערייטערן צוטריט צו סייבערזיכערהייט געצייג אזוי אז פובליק סעקטאר ענטיטיס אין ניו יארק האבן צוטריט צו סאפיסטיקירטע סייבער פארטיידיגונגען.

אלץ טייל פון די פעדעראלע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דשאבס אקט פון 2021 (Infrastructure Investment and Jobs Act of 2021), קאנגרעס האט אוועקגעשטעלט די SLCGP צו שענקן פאנדינג פאר יעדער סטעיט צו העלפן בארעכטיגעטע ענטיטיס אדרעסירן סייבער זיכערהייט ריזיקעס און דראונגען צו אינפארמאציע סיסטעמען אינטערן אייגענטום אדער אפערירט אין נאמען פון סטעיט, לאקאלע, טרייבעל און טעריטאריע רעגירונגען.

צו פארזיכערן די מאקסימום צאל פון ניו יארק ענטיטיס קענען בענעפיטירן פון די באגרעניצטע SLCGP געלטער, ניו יארק וועט דירעקט פארשאפן די טאוקענס פאר ליפערונג צו בארעכטיגטע ענטיטיס באשטעטיגט פאר מיטגעטיילטע סערוויסעס. איינמאל געליפערט, די סטעיט'ס אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס (Office of Information Technology Services) וועט פארוואלטן פארטיילונג און פארבינדענע טרענירונג און שטיצע צו העלפן די ענהאלטער מיט איינפירן די טאוקענס.

**טאפלטע פעסטשטעלונג (Multi-Factor Authentication, MFA):** MFA איז א מיטל וואס ווערט גענוצט צו פעסטשטעלן די אידענטיטעט פון א באניצער, פארלאנגנדיג פון זיי צו דורכגיין צוויי אדער מער פעסטשטעלונג שטאפלען צו קענען צוקומען צו א פלאטפארמע. ניו יארק וועט צושטעלן הארדוועיר טאוקענס און פראפעסיאנאלע סערוויסעס וועלכע בארעכטיגטע ענטיטיס קענען נוצן צו איינפירן MFA אין זייער טעכנעלאגיע ענווייראמענט.

**ניו יארק סטעיט טשיף סייבער אפיציר Colin Ahern (קאלין אהערן) האט געזאגט,** "מולטי-פאקטאר אוטענטיפיצירונג איז איינס פון די שטערקסטע פארטיידיגונגען אונז האבן קעגן אנליין דראונגן. רעגירונג סערוויסעס ווערן מער און מער געליפערט דורך און מיט קאמפיוטערס און זיי באשיצן פון שעדפולע סייבער אטאקעס איז קיינמאל נישט געווען מער וויכטיג. מיט די אינוועסטירונגען, ניו יארק סטעיט טוט העלפן צו פארמינערן סייבער ריזיקעס און באשיצען ניו יארקער פון שעדפולע סייבער אטאקעס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישענער Jackie Bray (דשעקי בריי) האט געזאגט,** "די זיכערע און פארזיכערטע פונקציאנירונג פון אונזער עקאנאמיע, קריטישע אינפראסטרוקטור און רעגירונג סערוויסעס פארלאזן זיך אויף אונזער מעגליכקייט צו באשיצן דיגיטאלע אינפראסטרוקטור און סענסעטיווע אינפארמאציע. אבער, וויבאל גלאבאלע סייבער אטאקעס פארמערן זיך אין סיי אפטקייט און סאפיסטיקירונג, געטריבן אין טייל דורך די פראפעסינאליזאציע פון די גלאבאלע סייבער פארברעכן אינדוסטריע, אונז מוזן העכערן די שטאנד פאר וואס עס איז נויטיג צו ערייכפול פארטיידיגן סיסטעמען און נעטווארקס. סייבערזיכערהייט אטאקעס בלייבן איינס פון די מערסט קריטישע דראונגען צו אונזער איינוואוינער, ביזנעסער און אינפראסטרוקטור. ניו יארק סטעיט בלייבט פארליכטעט צו פארמינערן די דראונגען דורך פאליסי, עדיוקעישענעל רעסארסן און פינאנציעלע רעסארסן געצילט צו באשיצן אונזער געמיינדעס."

**ניו יארק סטעיט טשיף אינפארמאציע אפיציר און דירעקטאר פון די אפיס פון אינפארמאציע טעכנעלאגיע סערוויסעס Dru Rai (דרו ראי) האט געזאגט,** "מולטי-פאקטאר אוטענטיפיצירונג (MFA) איז א קריטישע געצייג צו באשיצן רעגירונג ארבעטער און די סיסטעמען זיי אפערירען פון די ווירקונג פון וואקסענדע סייבער דראונגען, און ITS איז שטאלץ צו ערמעגליכן און שטיצן די צוגעלייגטע שיכט פון זיכערהייט פאר אונזער לאקאלע רעגירונגען. די 13.9 מיליאן דאלאר אין לעצטנס געמאלדענע סטעיט און לאקאלע סייבערזיכערהייט גרענט פינאנצירונג וועט העלפן פובליק סעקטאר ענטיטיס איבער ניו יארק אין באנוצן וויכטיגע סייבערזיכערהייט געצייג, סיגניפיש פארשטערקערענדיג אונזער איבערן סטעיט סייבער זיכערהייט געשטאלט און באשיצענדיג די דיגיטאלע אינפראסטרוקטור וועלכע שטיצט אינדיווידואלן, פאמיליעס און די געמיינדעס אין וועלכע זיי לעבן."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "די דראונג פון סייבער אטאקעס פאר אונזער לאקאלע רעגירונגען איז קיינמאל נישט געווען גרעסער. באשיצן ניו יארקער'ס פערזענליכע אינפארמאציע און דיגעטאלע אינפראסטרוקטור איז גאר וויכטיג פאר אונזער צוקונפט. איך בין שטאלץ צו ברענגען באלד 14 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פון אונזער ביי-פארטייזען אינפערסטראקטשער, אינוועסטירונג און דשאבס געזעץ צו ברענגן פארמערטע באשיצונג צו לאקאלע רעגירונגען איבער די סטעיט. אונז דארפן נוצן יעדער געצייג אין אונזער הענט צו אפשטעלן שעדליכע סייבער קרימינאלן פאר זיי שלאגן און פארבעסערן אונזער שטאנדהאפטיגקייט צו אזעלכע אטאקעס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul'ס (האקול) מיטארבעט אין האלטן ניו יארק'ס סייבער זיכערהייט סיסטעם אזוי שטארק ווי מעגליך."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען דשיליברענד) האט געזאגט,** "באשיצן קריטישע סערוויסעס פון סייבעראטאקעס איז וויכטיג צו באשיצן אונזער געמיינדעס. איך בין דאנקבאר אז די גרענטס וועלן פארשטערקערן אונזער אינוועסטירונג אין סייבערזיכערהייט און העלפן באשיצן קעגן דראונגען וועלכע צילן די סיסטעמען אויף וועלכע אונז פארלאזן זיך טעגליך. איך בלייב פארפליכטעט צו פארזיכערן אז ניו יארק איז גרייט צו זיך באשיצן קעגן סייבער געפארן און איך וועל ווייטער קעמפן צוצושטעלן די פעדעראלע דאלארס וואס אונזער סטעיט דארף האבן אויף צו אפהיטן אונזער קריטישע אינפראסטרוקטור."

**סטעיט סענאטאר Shelley B. Mayer (שעלי ב. מאיער) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז אונזער שולעס זענען יעצט בארעכטיגט פאר די סטעיט און לאקאלע סייבערזיכערהייט גרענט. דעס איז א קריטישע טריט פאראויס צו פארגרינגערן די לאסט אויף איינקויפן סייבער זיכערהייט געצייג פאר אונזער עדוקעישען סיסטעם. ווי שולעס ווערן מער דיגיטאל און אנגעוויזן אויף אינטערנעט באזירטע פלאטפארמעס, עס איז וויכטיג אז זיי האבן די געצייג צו באשיצן סטודענטן, איינגעשטעלטע און ערציער און צו האלטן זייער פערזענליכע אינפארמאציע זיכער פון וואקסענדע סייבער דראונג. איך דאנק די גאווערנער פארן ארויסגעבן די געלטער פאר סיי אונזער לאקאלע רעגירונגען און שולעס צו פארזיכערן אז יעדער געמיינדעס האט די געלעגנהייט צו פארשטערקערן און אנהאלטן זייער סייבער סיסטעמען."

**סטעיט סענאטאר Kristen Gonzalez (קריסטין גאנזאלעס) האט געזאגט,** "איך וויל מיך באדאנקען פאר די גאווערנער פאר איר פירערשאפט אין אוועקשטעלן נייע גרענט פראגראמען, רעגולאציעס און לעגיסלאציע צו אדרעסירן סייבער ריזיקעס. סייבער זיכערהייט און דיגיטאלע זיכערהייט מאסנאמען זענען וויכטיג צו האלטן לויפן סיי אונזער רעגירונג און אוועקגעשטעלט סיסטעמען. די סטעיט'ס פריאריטיזאציע פון סייבער אינפראסטרוקטור און פארזיכערן די איינפריוגן פון מולטי-פאקטאר אוטענטיקאציע איבער די פובליק סעקטאר באשיצט דשאבס, וויכטיגע סערוויסעס און נאך."

**אסעמבלימעמבער Steve Otis (סטיוו אטיס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער סטעיט אגענטורן פארנומען מיט סייבער זיכערהייט באשיצונג זענען געווען ביי די פראנט פון מיטטיילן טעכנעלאגיעס און סטעיט הילף מיט לאקאלע רעגירונגען אין נויט פון אינפארמאציע אויף טוישענדע גראונגען און זיכערהייט סטראטעגיעס. די מעלדונג בויט אויף די גאווערנער'ס 2023 ארויסגעבונג פון די NYS סייבערזיכערהייט סטראטעגיע, פארמערטע באאמטע און מעגליכקייטן ביי סטעיט אגענטורן, פארבעסערטע סטעיט שטאטוטן און פארמערטע אנווייזונגען פאר לאקאלע רעגירונגען. אונזער אסעמבלי וויסענשאפט און טעכנעלאגיע קאמיטי און ביידע הייזער פון די לעגיסלאטור זענען מיטארבעטער מיט גאווערנער Hochul (האקול) אין צושטעלן מער עקספערטיז און הילף צו לאקאלע רעגירונגען."

**ניו יארק סטעיט פארבאנד פון קאונטיס עקזעקיוטיוו דירעקטאר Stephen Acquario (סטעפען דזש. אקוואריא) האט געזאגט,** "סייבערזיכערהייט איז א טיעם ספארט. אונז דארפן אלע ארבעטן צוזאמען - לאקאלע רעגירונגען פון אלע פארמעס און גרויסקייטן-צו באשיצן די סיסטעמען אונז פארלאזן זיך אויף צו דינען די פובליק און אפעררירן אונזער רעגירונגען. מולטי-פאקטאר אוטענטיקציע (MFA) דארף זיין א רוטין טייל פון אונזער סייבער פארטיידיגונגען, און אונז זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער סטעיט מיטארבעטער פאר זייער פארפליכטונג צו צושטעלן לאקאלע רעגירונגען מיט די רעסארסעס אונז דארפן צו איינפירן MFA און אנדער זייבערזיכערהייט מאסנאמען אנטוויקלט צו האלטן אונזער סיסטעמען און דאטא פארזיכערט."

**פארבאנד פון טאונס עקזעקעטיוו דירעקטאר Christopher A. Koetzle (קריסטאפער א. קאעצל) האט געזאגט,** ""אונז זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul's (האקול"ס) פירערשאפט אויף די וויכטיגע טעמע וועלכע איז קריטיש פאר אלע רעגירונגען איבער די סטעיט. סייבער זיכערהייט איז גאר וויכטיג פאר די זיכרעע און ריכטיגע פונקציאנירונג פון אונזער מוניציפאליטעטן און די רעסארסן וועלן

צושטעלן שטארק געדארפטע הילף פאר פולע פון אונזער טאונס וועלכע מיטשענען זיך צו מיטהאלטן מיט די טוישענדע טעכנעלאגיע אומבאלאנגט צו פארזיכערן א פארזיכערטע נעטווארק.

**ניו יארק סטעיט קאנפערענס פון מאיארן Barbara Van Epps (בארבארא וואן עפעס) האט געזאגט,** "די גרענט פראגראם רעפריזענטירט א וויכטיגע אינוועסטירונג אין די סייבערזיכערהייט גרייטקייט פון אונזער לאקאלע רעגירונגען. געמיינדעס פון אלע גרויסקייטן - שטעטישע און דערפישע - שטיין אויס פארמערטע דיגיטלאע דראונגען, און די פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן זיי האבן די געציייג, טרענירונג און שטיצע זיי דארפן צו פארבעסערן זייער סייבער פארטיידיגונגען און פארזיכערן וויכטיגע פוליק סערוויסעס. NYCOM באדאנקט גאווערנער Hochul (האקול) פארם פריאריטיזירן לאקאלע סייבער יזכערהייט און פארן אנערקענען די געברויך פאר איבער סטעיט הילף צו אדרעסירן די שווערע פראבלעמען."

**ניו יארק סטעיט PTA עקזעקעטיוו דירעקטאר Kyle Belokopitsky (קייל בעלעקאפיצקי) האט געזאגט,** "סייבער זיכערהייט טוט פארזעצן צו זיין א וויכטיגע פריאריטעט פאר שולע דיסטריקטס און עלטערן און פאמיליעס, און אונז מוזן פארברייטערן און שטיצן וועגן צו באשוצן סטודענט דאטא. אונז זעהן פארמערטע פעלער פון פארזוכטע און פארענדיגטע סייבער אטאקעס אקעגן דיסטריקטס, און אונז דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר פארמערטע שטיצע פון שולעס אין די קריטישע פונקציע."

אינטער גאווערנער Hochul's (האקול) פירערשאפט, ניו יארק האט געלאזט אין גאנג א פאלק-פירענדע פראגראם צו צושטעלן סייבערזיכערהייט סערוויסעס צו קאונטי און לאקאלע רעגירונגען, צושטעלענדיג נויטיגע סייבערזיכערהייט אויפכאפונג און דראונג פארמיידונג געצייג פאר רעגירונג-אייגענטום טעכנישע אינפראסטרוקטור איבער די סטעיט.

אין 2024, גאווערנער Hochul (האקול) האט פארברייטערט די מיטגעטיילטע סערוויס פראגראם דורך פארברייטערן בארעכטיגקייט פאר די ענדפונקט אויפכאפונג און אנטווארט (EDR) מיטגעטיילטע סערוויסעס און צוגעלייגט נאך א מעגליכקייט, אטאקע סורפעס פארוואלטונג (ASM), צו די מיטגעטיילטע סערוויסעס פראגראם. צו ווייטער באשיצן ניו יארק'ס קריטישע אינפראסטרוקטור, גאווערנער Hochul (האקול) האט געפירט נייע שפיטאל סייבער זיכערהייט רעגולאציעס און אינטערגעשריבן לאנדמארק לעגיסלאציע צו באשיצן ניו אירק'ס ענערגיע גריד פון סייבער אטאקעס אזוי אויך אין 2025, פארלאנגענדיג פארלאנגטע סייבער אינצידענט און אויסלייזגעלט באריכטונג פון אלע מוניציפאליטעט קארפאראציעס און פובליק אוטאריטעטן. אין די צייט וואס סייבער דראונגען טוישן זיך שנעל, ניו יארק בלייבט פאראויס מיט סייבער זיכערהייט גרייטקייט דורך צושטעלן קריטישע סערוויסעס און האדעווען אינפארמאציע מיטטיילונג אזוי אז אונז קענען ווייטער פארזעצן צו פארשטערקערן פארטיידיגונגען איבער די פובליק און פריוואטע סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן